№ 15 (פּערטע: יאָרגאַנג) פּרייז 10 גראָשן BIALER WOCHENBLAT

# ביאַלער וואָכנבלאַט

נאַציאָנאַל געזעלשאַפטלעך וואָכנבלאַט פאַר ביאַלע-פּאָדל. און אומגעגנט.

אַדרעס פאַר בריוו און געלט-זענדונגען:
Red. „BIALER WOCHENBLAT"
Biała-Podl., Grabanowska 39.
Konto rozrach. № 1.
Skrz. poczt. 26.

Biała-Podlaska, dnia 23 kwietnia 1937 r.

ביאַלע-פּאָדל., פרייטאָג פּ' אחרי-קדושים תרצ"ז, 23 אַפּריל.


## פעסטשטעלונג

צוליב דעם וואָס אין שטאָט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, דאָס איך ליקווי-דיר מיין געשעפט און צי מיר אַריבער קיין וואַרשע, שטעל איך פעסט, אַז

**די קלאַנגען זענען פאַלשע**

איך פאַרבלייב ווי ביז איצט אין ביאַלע און האָב נישט בדעה צו ליקווידירן מיין געשעפט.

מיט אַכטונג (–) **רחל וואַרם**

## באַקאַנטמאַכונג

די לאַנגיעריקע פאַבריק פון סאָדע-וואַסער און לימאָניאַדע

אייגנטימער **יצחק קאַהאַן**

מאַכט באַקאַנט אַלע אירע אָפּנעמער, דאָס די פאַבריק איז איינ-געאָרדנט לויט די נייעסטע דערגרייכונגען:

סוגנען אַריינגעשטעלט געוואָרן
נייע מאַשינען און פילטערס

די פאַבריק איז פאַרזען מיט אַ מאָטאָר פּאָמפּע, וועמענס וואַסער ווערט גענוצט אין דער היגער אַעראָפּלאַנען-פאַבריק.

מיין אונטערנעמונג אַרבעט פאַרשידענע געטראַנקען ווי:

קוואַס **„מאַנקאָ"** קוואַס **„אוואַצאָווע"**

פאַרשידענע לימאָניאַדעס און אָראַנזשאַדעס

**„טיגאַלקאָ" „קאַהאַנאָווע"**

דעריבער טרינקען אַלע וואַסער, לימאָניאַדע אָראַנזשאַדע נאָר פון מיין פאַבריק.

מיט אַכטונג
יצחק קאַהאַן.

## אַכטונג סוחרים!

**זונטאָג דעם 25 ה. ח. פינפט לעך 8 אָוונט** ווערט פּאָדקו-מען אין לאָקאַל פון סוחרים פאַריין (גראַבאַנאָווער 10)

**אַ גרויסע פאַרזאַמלונג**

וועגן שטייערן-ענינים

קומט מאַסנווייז!!!

די פאַרוואַלטונג פון סוחרים-פאַריין אין ביאַלע.

## „KINO MIEJSKIE"

פּרעזענטירט ביז דעם 24 ד. מ. איינשליסלעך,

די אַרטיסטן

**מאַריאָן דאַוועס און קלאַרק גאַבל**

און דער פרייליכער קאָמעדיע א. נ.:

**„KAIN I MABEL"**

איבערן פּראָגראַם:

אַ קורץ מעטערדיקן פילם „Wesoły Biegun", ווי אויך די „פּאַט"-אַקטואַליען.

אָנפאַנג פון די סעאַנסן 5 און 7.

## ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע

### מעלדונג.

פרייטאָג דעם 30-טן ה. מ. ווערט פאָרקומען די

**אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג**

**פון דער אָרגאַניזאַציע**

מיט פאָלגנדן טאָג-אָרדנונג:

א. דערעפנונג.
ב. לייענען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאָריקער אַלג. פאַרזאַמלונג.
ג. וואַלן פון אַ פאַרזאַמלונגס-פאָרזיצער.
ד. באַריכט פון דער אָרג. - טעטיקייט, קרן-קימת און קרן-היסוד, ביבליאָטעק און געזעלשאַפט „תרבות".
ה. דיסקוסיע איבער די באַריכטן.
ו. וואַלן פון אַ פאַרוואַלטונג, רעוויזיאָנס - קאָמיסיע און חברים-געריכט.
ז. פרייע פאָרשלאַגן.

אַלע חברים, וועלכע האָבן נאָך נישט באַנייט זייערע מיטגלידס קאַרטן פאַרן יאָר 1937 אָדער האָבן פאַר זיי נישט באַצאָלט, דאַרפן עס דערלעדיקן אין פאַרלויף פון דער וואָך אין קאַנצעלאַריע ווייל צו דער פאַרזאַמלונג **נישט צוגעלאָזט ווערן.**

באַמ.: דאָס אָרט ווו די פאַרזאַמלונג וועט פאָרקומען ווי אויך די שעה, וועט באַזונדער געמאָלדן ווערן.

---

אונזער ליבער טאָכטער **חוה'לע**

צו אירע תנאים מיט ה' **חיים יאַבלאָנקאַ**

ווינטשן מיר איר אַ האַרציקן מזל-טוב.

עלטערן און ברודער קאָווע.

---

ברכת מז"ט חמה ובלבבה אנו מגישים למשפחת פרידמאַן לרגלי ארושי אחותם מרת הדס עם ב"ג מר נפתלי קאַגאַן.

פ. ריבאַק ומשפחתו,

---

אונזער ליבער שוועסטער הדס!

צו אייערע תנאים

מיט ה' נפתלי קאַגאַן (קאָוועל)

ווינטשן פיל גליק און צופרידנהייט

ראָזע וויינשטיין און אברהם פרידמאַן.

פאַמיליע שיינשניידער (בריסק).

---

אונזער ליבער שוועסטער און שוועגער הדס צו אירע תנאים מיט ה' נפתלי קאַגאַן ווינטשן פיל גליק און צופרידנהייט

ברודער, שוועגערין און פאַמיליע (בריסק).

---

אונזער ליבער שוועסטער און שוואָגער שיינשניידער! צום געבורט פון זייער

זונעלע

– אַ גרינג דערציונג – ווינטשן

ראָזע וויינשטיין, אברהם פרידמאַן.
פאַמיליע קאַגאַן (קאָוועל).
פאַמיליע פרידמאַן (בריסק).

---

סל מלא ברכות אנו שולחים למשפחת שיינשניידער להולדת **בנם**,

יזכו לגדלו לתורה ולחופה ומע"ט

ברוב עושר ואושר.

פ. ריבאַק ומשפחתו.

---

## יידישע גמינע-פאַרוואַלטונג אין ביאַלע.

די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער גמינע אין ביאַלע מעלדעט דערמיט אַז

**דער פּרייז פאַר כשר-פלייש איז 1 זל. פאַר אַ קילאָ**

מער ווי די פּרייז דאַרף קיינער נישט צאָלן.

די פאַרוואַלטונג.

## מעלדונג.

פון מאָנטאָג דעם 26-טן אַפּריל ד. י. וועט מען קריגן צו קויפן דאָס געבעקס פון דער **טערקישער בעקעריי** ביי מיר אין געוועלב פּלאַץ - וואָלנאָשטשי 8.

דאָס געבעקס געפינט זיך אונטער דער השגחת הנאמן ר' שלמה אורבאַך

**משה אָפּנהייט.**

## אַכטונג! אַכטונג!

צו דער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג:

מיר מאַכן באַקאַנט, אַז אונזער **פאַבריק פון סאָדע-וואַסער און פרוכטן-געטראַנקען,** וועלכע איז געגרינדעט לויט דער נייסטער היגיענע און טעכניק,

**אַרבעט אויס די געשמאַקסטע געטראַנקען,**

וועלכע זענען אַ חוץ געשמאַק און נאַרהאַפטיק פאַר בלוט אָרימע.

ביטע אין אַלע פרוכטן געשעפטן פאָדערן אונזערע אויסאַרבעטונגען

אַכטונג געבן אויף אונזערע באַלאָנען, וועלכע זענען פאַרזען מיט אַ ספּעציעלן צייכן פון אונזער פאַבריק.

מיט אַכטונג:

מעכאַנישע סאָדע-וואַסער פאַבריק א. נ.:

**„זדרוי-פּאָדלאַסקי"**

## באַקאַנטמאַכונג!

איך טייל מיט אַז **שבת** דעם 24 ה. ח. 4 אַזייגער נ. מ. וועט אין בית - המדרש גערעדט ווערן וועגן דער

**כשרות-פראַגע ביי די יידישע קצבים אין ביאַלע**

ווו סיועלן אויפגעדעקט ווערן סקאַנדאַלעזע זאַכן פון דער זייט פון די קאָנ-צעסיאָנירטע יאַטקעס.

סווערן אויפגעפאָדערט צו זיין אָנוועזנד פאָרשטייער פון ראַבינאַט, יידישע גמינע, שוחטים און פאָרטרעטער פון אַלע שטיבלעך און בתי-מדרשים, ווי אויך פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען פון דער וואָליע.

**חיים יואל אָדלערשטיין**

יאַטקע - אייגנטימער יאַטקאָווע 3.

---

„KAIN I MABEL" i „WESOŁY BIEGUN" אין Kino Miejskie

